ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# כי תבא

אידיש

**550**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# תשעה וארבעים

**• תבא •**

אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, דאָס שלעכטס וואָס דער מענטש פאַראורזאַכט צו דעם גאַנצן באַשאַף, ווען ער זינדיגט, און ער האַלט אָפּ די גאולה דורך די זינד.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

# אינהאַלט

## פון ניין און פערציגסטער פרק

א. דער מענטש זאָל זיך אַריינטראַכטן, דאָס שלעכטס וואָס ער פאַראורזאַכט צו דעם גאַנצן באַשאַף, ווען ער זינדיגט, ווען ער האַלט אָפּ די גאולה דורך די זינד. ווייל אין דער צייט פון די גאולה וועלן קומען אַלע גוטס און ברכות און ישועות, און דער זינדיגער שטופט זיי אָפּ פון צו קומען.........................................ג

# פרק תשעה וארבעים

**דער מענטש זאָל זיך אַריינטראַכטן, דאָס שלעכטס וואָס ער פאַראורזאַכט צו דעם גאַנצן באַשאַף, ווען ער זינדיגט, ווען ער האַלט אָפּ די גאולה דורך די זינד. ווייל אין דער צייט פון די גאולה וועלן קומען אַלע גוטס און ברכות און ישועות, און דער זינדיגער שטופּט זיי אָפּ פון צו קומען.**

**א. ה' האלקים,** השם יתברך, וואָס ער איז אַ גאָט איבער אַלע מלאכים, און אַ האַר איבער אַלע האַרן, האָט זיך דערבאַרעמט איבער זיין פאָלק, און האָט געטראַכט זיי נישט צו פאַרניכטן. און ווען ער האָט געזען אַז זיי האָבן אַסאַך געזינדיגט קעגן אים, האָט ער אַרויפגעוואָרפן זיין צאָרן אויף זיין בית המקדש, און האָט זיי געשיקט אין גלות, און האָט מיטגעשיקט זיין שכינה מיט זיי, זיי צו באַגלייטן און באַשיצן, אַז קיינער זאָל זיי קיין שלעכטס טאָן, און האָט באַשטימט אַ צייט, אַז זיי זאָלן פאַריכטן וואָס זיי האָבן געזינדיגט.

**ב. ובהיות,** און ווייל די וועלט ווערט גע'משפט נאָך דעם רוב זכיות, פאַרוואָס זאָל דער מענטש נישט טראַכטן אַז דורך די רוב זכיות ווערט דער דור אָנגערופן אַ דור פון צדיקים, און דורך דעם וועט משיח קענען קומען, איז ווי זאָלסטו זינדיגן, אפשר וועט די דאָזיקע עבירה אַריבערוועגן די שאָל פון עבירות, במילא ביסטו דער גורם די שכינה און די אידן זאָלן זיין אין גלות, און ער זאָל ריידן צו זיך אַליין און זאָגן, ווי זאָלסטו נישט רחמנות האָבן, און פאַרוואָס זאָלסטו אָפּהאַלטן די גאולה וואָס דורך דעם וועלן די מתים אויף דיר שרייען ווייל דורך דיר ווערט אָפּגעהאַלטן תחית המתים, און יעדער עקר און עקרה איז אויף דיר מעורר דין, וואָס דורך דיר ווערט אָפּגעהאַלטן זייער פקידה, ווייל ווען דער גואל וועט קומען וועלן זיי געהאָלפן ווערן.

**ג. וכן,** און אַזוי אויך יעדער הינקעדיגער און בלינדער, וועלן אויף דיר אַרויפלייגן אַ דין וואָס דו שטופסט אָפּ זייער רפואה, ווייל אַז דער גואל וועט קומען וועט השם יתברך זיי היילן, און דו שטופסט עס אָפּ דורך דיינע זינד. און פאַרוואָס זאָלסטו נישט רחמנות האָבן איבער דעם צער וואָס די אידן האָבן ביים זוכן זייער פרנסה, וואָס דאָס פאַראורזאַכט אַז זיי זאָלן נישט לערנען קיין תורה און נישט אָפּהיטן קיין מצות, ווייל ווען די גאולה וועט זיין וועט וואַקסן זעמל און ברויט מיט זיידענע קליידער פון דער ערד, און אַזוי אויך אַלע שיינע כלים, און דו פאַרמיידסט די גאולה דורך דיינע זינד, און די אַלע זאַכן ווערן פאַרשפעטיקט.

**ד. ומה,** און וואָס פאַר אַ תקומה איז דאָ פאַר דעם יעניגן, וואָס די שכינה בעט פון אים כביכול אַן אויסלייזונג, און ער וויל איר נישט אויסלייזן, ווייל, ווען ער זאָל תשובה טאָן פון זיינע זינד וואָלט ער מקרב געווען איר אויסלייזונג, און אַז ער זינדיגט פאַרלענגערט ער דעם גלות פון די שכינה.

**ה. גם,** אויך דער ערד און דער הימל וואָס וועלן דעמאָלט באַנייט ווערן, זיי שעלטן דיך אויך, ווייל דו האַלטסט אָפּ זייער באַנייאונג. און פון די קינדער ווערסטו אויך געשאָלטן, ווייל דורך דיר ווערט פאַרמיטן פון זיי די חידושי תורה, ווייל אַז די גאולה וועט זיין, וועט זיך נישט געפינען קיין שום קינד וואָס וועט נישט וויסן חידושים פון סתרי תורה. אויך די טראָגעדיגע און די געווינערן, טוען שרייען אויף זייערע ווייטאָגן, אַז עס זאָל רוען אויף דיין קאָפּ, ווייל דו האָסט נישט קיין רחמנות אויף זיי זיך צוריק צו האַלטן פון זינדיגן צו ברענגען די גאולה, ווייל, לעתיד לבא וועלן זיי דעם ווייטאָג נישט האָבן.

**ו. ומלאכי,** און די מלאכים פון הימל טוען שרייען אויף דיר, מיט אַ ביטער געשריי, ווי לאַנג נאָך וועסטו נישט אונטערטעניג מאַכן דיין יצר הרע, און אָפּהאַלטן די גאַנצייט פון דער וועלט דורך

דיינע זינד. שטיי אויף און רוף צו השם יתברך, און קער זיך אום צו אים מיט דיין גאַנצן האַרץ, און ער וועט היילן דיינע מעשים.

**ז. כל זה,** דאָס אַלץ זאָל דער מענטש זאָגן יעדן טאָג צו זיין האַרץ, אפשר וועט זיין פאַרשטאָפּטע האַרץ אונטערטעניגט ווערן.

**ח. ובהיות,** און וויבאַלד איך האָב אויסגערעכנט אין דעם דאָזיגן פּרק, דאָס שלעכטס וואָס דער זינדיגער פאַראורזאַכט צו אַלע באַשעפענישן, אַז ער האַלט אָפּ די גאולה דורך זיינע זינד, וועל איך אין דעם קומענדיגן פּרק אויסרעכענען אַלע גוטע זאַכן וואָס דער מענטש פאַרמיידט פון זיך אַליין, ווען ער שטופּט אָפּ די גאולה דורך זיינע זינד.

❁ ❁ ❁